# מאַניש

איר ווייסט, מן הסתם,
די וועלט איז אַ ים,
וויר זיינען פיש!
(טייל זיינען העכט,
שלינגען ניש' שלעכט...
זאָגט, אפשר ניש'?)

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אָן אַ שיעור;
די פיש זיינען מיר,
דער פישער איז ס"ם.[1]

*

ער האָט זיך אַלס פישער
ביים לעבן געשטעלט!
די תאווה — דאָס ווערעמל —
פירט־איבער די וועלט!

עס כאַפּט ווויל די אַנגל[2]
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך אַ ווערעמל —
אַ בליק נאָר, אַ קוש...

נאָר באַלד נאָכן ווערעמל
גייט — האָקן און שטריק;
געעקט מיטן לעבן,
אַ סוף פונעם גליק!

*

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמדניק, דעם שטן,
דעם שר פון גיהנום;

און זעלטן איז עמעץ
באַשירעמט און באַהיט...
זאָט, איינך צו וואָרענען,
זינג איך מיין ליד!

— א —

ס'איז געווען אַמאָל אַן עילוי,
נישט געקענט די וועלט אַפילו,
נישט געוועזן אין קלאָס;

[1] (ראשי־תיבות) סמאל, דער שר פון גהינום, אַ מלאך־המות. — [2] פישער־האָקן.



פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די משפחה — לומדים סאַמע,
גאָר פון עקסטן פאַס!

סאַמע גאונים און למדנים
מיט אַן „אלף־בית רבנים“[3],
ס'קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן,
זיי וועט אַלע איבעריאָגן,
מאַניש, אונדזער העלד!

מאַניש איז אַ ווילער יונג,
ר'האָט אַ קעטל פייער־פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה.
טרעפט אויך באַלד אַריין אין קאַרב[4],
מעג דער רמב"ם זיין ווי האַרב,
און דערצו נאָך אַ בעל־קורא!

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט:
שוואַרצע לאָקן, ווי די נאַכט,
קאַרמען־ליפּן — רויזן צוויי!
שוואַרצע ברעמען, ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלויע אויגן,
און אַ פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדל אין אים לעבט,
און ער גייט נישט, נאָר ער שוועבט;

[3] אַזוי פיל רבנים געווען, אַז זייערע נעמען האָבן אויסגעפולט דעם גאַנצן אלף־בית. — [4] קנייטש, שניט (תוך).

אַנצוקוקן איז אַ פֿרייד!
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אַז ער ווײַזט זיך אויף דער גאַס,
אַז דער שיינער מאַניש גייט!

ד׳יונגע רביצין אין חדר
זיצט אַ גאַנצן טאָג כּסדר,
הערט, מכּלומרשט ווי מע קנעלט!
ס׳לויפֿט די יויך, די מילך ברענט,
און זי זיצט פֿאַרלייגט די הענט,
קוקט אויף מאַנישן און קוועלט!

און דער שכנה, שיינע האָדל,
פֿאַלט פֿון האַנט אַרויס די נאָדל,
לאָזט זיך אונדזער מאַניש הערן!
עס פֿאַרפֿעלט איר אָטעם, דאָך [5],
און עס גיט איר האַרץ אַ שטאָך,
און — עס קאַפּען הייסע טרערן...

*

דאָך, ווי גאָלד איז אונדזער מאַניש,
פֿון דעם אַלעם ווייסט ער גאָר נישט
— שטן, ביסט געפּלעפּט!
ער האָט ליב אַ בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו אַ סבֿרא,
„שור שנגח את הפּרה“ [6],
דאָס איז זײַן געשעפֿט!

*

[5] (רוט׳) אָטעם, ריח (דוך). — [6] (גמרא) ערשטער פּסוק פֿון בבא־קמא.



געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ד׳אַלטע בעלי־בתּים,
מיט מעשענעברילן
און זילבערנע בתּים [7].

גאָלד׳נע עטרות
און אײַזערנע מוחות;
אַנדערע יאָרן
גאָר אַנדערע כּוחות.

פֿול ס׳בית־המדרש
מיט קאַרפּענע [8] קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש [9],
מען זיצט אויף די טרעפּ.

עס ווערט נישט פֿאַר חצות
קיין ליכטל פֿאַרלאָשן;
און פּראָזשבעס צו רענדלעך;
און תּורה מי׳גראָשן [10]!

און דעמאָלט האָט מאַניש
אַלס עילוי געשמט;
די גרעסטע רבנים,
פֿון ווײַט, פֿון דער פֿרעמד:

דער פּטיש [11] פֿון לאַטשעשעו
דער סיני [12] פֿון קאָזשיץ,
דער מאור הגדול [13]
פֿון קליין־מאַזעלבאָזשיץ [14].

זיי קומען אומישנע
פֿאַרהערן דעם עילוי,
און טאַנצן פֿאַר שמחה:
„אתחלתא־דגאולה“ [15]:

— ווײַל איז דעם טאַטן, וואָס האָט אַזאַ זון,
ווײַל איז דער מאַמען, וואָס וועט׳ן דערציִ׳ן,
ווײַל איז דעם דור, וואָס אים פֿאַרמאָגט!
אין משיחס צײַטן ווערט אַזוינס געבוירן!
אָ, ירושלים, עפֿן דײַנע טויערן! —
דאָס האָבן אַלע רבנים געזאָגט!

[7] שיידלעך (דעקלעך) פֿאַר תּפֿילין. — [8] פֿעטע פֿיש, „קאַרפּנקעפּ“ (אַריסטאָקראַטן). — [9] פֿאָדערהויז פֿון בית־מדרש, קלויז. — [10] פֿאַר פּעטיציעס, בקשות (אין דער לאַנדשפּראַך) צאָלט מען גראָבע מטבעות, רענדלעך, אָבער תּורה קריגט מען פֿאַר די קלענסטע מטבע, אַ גראָשן. — [11] האַמער, פּטיש החזק איז געווען אַ הויכער טיטל פֿאַר אַ רבֿ. — [12] אַ בקי אין תּורה, ערודיט. — [13] אַ סך רבנים האָט מען גערופֿן: גרויס ליכט. — [14] אַ פּויליש שטעטל, מאָדלע באָזשיצע (דאַוונט פֿאַר גאָט). — [15] אָנהייב פֿון דער גאולה, משיחס צײַטן.

— ב —

אויפֿן באַרג אַררט
אויפֿן הויכן באַרג
וואָס טראָגט דעם אייביקן
שניי אויפֿן קאַרק,

אויפֿן באַרג אַררט
ווי עס איז באַשריבן
איז מיט דער תּיבֿה
נח שטיין געבליבן.

און איז אַרויס פֿון קאַסטן
מיט שם און חם און יפֿת,
און מיט אַלע חיות,
בהמות און עופֿות...

און זיי אַלע זעען
מיט ד'אייגענע אויגן,
ווי ס'הענגט אין הימל
גאָטס פֿײַלנבויגן!

און הערן גאָטס שבֿועה:
„דאָ שווער איך דיר, וועלט,
עס וועט דיר נישט פֿעלן
קיין היץ און קיין קעלט!

כאָטש רצחע און הרגע,
כאָטש גנבֿע און מסר,
איך וועל דיך נישט טאָפּיען[16]
שוין קיין מאָל אין וואַסער!"

געטאַנצט האָבן חיות,
חם האָט געלאַכט,
נח האָט די ערשטע
כוסע געמאַכט.

*

געשטאָרבן שוין אַלע...
אַ פּעקל מיט יאָרן!
עס שטייט דאָך די תּיבֿה
ביז הײַנט לזכּרון

דאָרט אונטער די שנייען.
און ס'הענגט אויף דער וואַנט
עד־היום דער צהר[17],
דער גרויסער בריליאַנט.

און דאָרט, אין דער תּיבֿה,
אין שנייען און פֿרעסט,
דאָרט האָט זיך סמאל
געפֿלאָכטן אַ נעסט.

און קעגן דעם צהר
קעמט אַל' אין דער פֿרי
לילית[18] די גאָלדענע
לאָקן זיך צו.

---

[16] דערטרינקען. — [17] ~~פענצטער~~ (פֿון נחס תּיבֿה, בראשית). — [18] קיניגין פֿון שדים (בבא בתרא ע"ג), די שיינהייט וואָס פֿאַרפֿירט.



זי קעמט זיי און קרײַזלט,
און פֿלעכט זיי קאָקעט,
און סמאל ליגט זיך און רויכערט
און רויכערט אין בעט;

זיי שמועסן פֿאַרטרויט
פֿון דעם און פֿון יענעם,
ווען צו פּאַקן
אַרײַן אין גיהנום;

ווען צו שמײַסן
מיט אײַזערנע ריטער,
ווען צו פּרעגלען
צום פֿרישטיק אויף פּוטער!

*

ז'אַ שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק,
עס ציטערט די תּיבֿה,
עס צאַפּלט דער באַרג,

עס שפּרינגט שיער סמאל
אַרויס פֿונעם בעט:
„אַרײַן!" — עס באַווײַזט זיך
דערשראָקן אַ שד.

*

מיטגעבראַכט האָט ער
אַן עקסטרע ראַפּאָרט,
קוים וואָס ער שלוקערצט
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— „אַך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דײַן טראָן..."
— וואָס איז געשען?
געשווינד, הער באַראָן!

— „אין קעניגרײַך פּוילן,
האַרט בײַ דער גרענעץ,
ליגט זיך אַ שטעטעלע
גרויכ ווי אַ גענעץ.

און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן;
הײַזלעך ווי ניסלעך,
פֿון שמות געצעלטן...

איז גאַנצן אַ צענדלינג,
צו ציילן אויף פֿינגער!
עס בײַסן די ציגן
די דעכער פֿאַר הונגער!

און שטיל ווי אַ קבֿרות,
מענטשן ווי מתים,
קיין גאווה, קיין תּאווה,
מע לעבט פֿון תּעניתים...

קיין חסידים, קיין דײַטשן —
האָט תּורה אַ קיום,
וואַקסן רבנים,
מע פּאַשעט עילויים...

ציַנד וואַקסט נאָך אַ גאון,
וואָס וועט נאָך פאַרשעמען
גאַנץ פוילן און ליטע,
און זאַמוט און בעהמען.

און לאָזסט דו אים וואַקסן,
און לאָזסט דו אים פּרײַ,
ביסט דו — חלילה! —
הוד [19] מלכות, פאַרביַי!

האָסט דו פאַרלוירן
גאַנץ פוילן און ליטע...
אין — חס ושלום! —
אַן עק פון גישט גוטע.

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
און ברענגען משיחן —
חלילה וחס!״

*

דער ימח־שמו,
ווי ר׳האָט עס דערהערט,
איז אים די שׂמחה
געוואָרן געשטערט.

ליגט ער און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רײַבט זיך, און רינצלט דעם שטערן:
— ג׳וואַלד! לילית קרוין!
אַן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קאָן די וועלט איבערקערן!

— די נוס איז האַרט!
נאַר, מײַן מאַן, וואַרט.
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין,
נצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אַליין.

*

[19] מאַיעסטעט.



אָ, גאָט, האָב רחמנות,
זיי זוכן נקמה!
האַלט, יידן, תענית
פאַר דער נשמה!

עס שווינדלען די אויגן,
הייס ווערט און קאַלט...

זי הענגט אויף אַ הערל,
זט, אָט, אָט, זי פאַלט!
אָט פאַלט פונעם הימל
אַ ליכטיקער שטערן;
אָט וועט אין גיהנום
אַ שמחה שוין ווערן!

— ג —

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמעץ
משיחן געזען?

ווען בלאָזט מען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צי איז ער משוגע
געוואָרן, דער שמש?

וואָס בלאָזט עס און פײַפט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

עס פײַפט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטרע
פּאָסט פון טראַקט [20]!

אָך, ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
עס פליען, ווי רוחות,
אַשפּיץ [21] די פערד!

עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אַ מאָל פריַיער!
עס שפּריצן די פּאַדקאָוועס
פונקען און פײַער,

עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים די בײַטש.
מען שטייט מיט אָפענע
מײַלער — וואָס טײַטש?

*

צוזען דאָס ווונדער
מײַנען אַרויס
קראַנקע פון בעטן,
לומדים — פון קלויז.

[20] שאָסיי, געפלאַסטערטער וועג (אויסער שטאָט). — [21] פאַרויס.

קינדער פֿון חדר —
איינס אין דער מיט,
אין האַנט די תּחתּונים —
פֿון אונטער דער רוט.

דאָרט לויפֿט אַ שוחט
בלייך ווי די וואַנט,
אַ נישט דערקוילעטער
האָן אין דער האַנט.

ער האָט אין מיטן
דאָס פּיפּן געהערט,
און במקום דעם האָן
דער חלף — אויף דר׳ערד.

און פֿליט אויפֿן רבֿ
אַרויף ווי אַ קויל
אַרײַן מיטן חוטם [22]
אין אָפֿענעם מויל!

און דאָ לויפֿט אַ טויבע
און ברעכט זיך די הענט:
„שרײַט, ייִדן, העכער!
ייִדן, ווו ברענט?“

*

אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשה גאָר פּראָסט:
אַ דײַטש איז געקומען
פֿון דאַנציג מיט פּאָסט!

מיטגעבראַכט האָט ער
גאָר אוצרות מיט געלט.
גיין וועט אַ מסחר,
זײַן וועט אַ וועלט!

און גאָט האָט דאָס שטעטל
מיט מחיה [23] באַגליקט,
ער האָט זיי פֿון הימל
אַן אוצר געשיקט:

עס האַנדלט דאָס דײַטשל
מיט כּלערליי תּבֿואות,
און צאָלט אַלץ אין באַרן [24]
און מאַכט נישט קיין שהיות!

אַלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענדלעך געוויגן,
דעם סוחר ווערט פֿריילעך
און ליכטיק אין ד׳אויגן!

הייבן־אָן האַנדלען
די שוחטים... דיינים...
עס לויפֿן, עס קויפֿן
מלמדים, בטלנים...

[22] נאָז. — [23] פּרנסה. — [24] קאַסע געלט.



אַז אַלץ איז אַ סחורה,
פֿון פֿאַרשוס — אַ רעגן!
און פֿויערן מיט פֿורן
פֿאַרלייגן די וועגן!

און אַלץ איז אַ סחורה
געקויפֿט און געשטעלט!
שיטן־אָן ייִדעלעך
פּעסלעך מיט געלט!

אַך, ווער געדענקט
אַזאַ גאָלדענע צײַט?
מען טראָגט אין דער וואָכן
נאָר אַטלעס און זײַד!

און חתונות מאַכט מען
טאָג־טעגלעך, כּסדר:
באַוואָרפֿן די שנײַדער
מיט חתונה־קליידער.

עס זײַנען אָן הענט שוין
די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן,
די שטאַנגען צעריבן.

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כּוח צו לאַכן;
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט,
הבֿדלה צו מאַכן;

לעקעך פֿאַר ברויט שטאָט!
און ניס, פּאָמעראַנצן!...
עס קאָכט ווי אַ קעסל
דאָס שטעטל אין גאַנצן!

*

נאָר דער דײַטש האָט מיטגעבראַכט
אַ בת־יחידעלע אַ פּראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז זי׳ פֿיס.
אויגן בלישטשען ווי די שטערן
און אַ קול — אַ פֿרייד צו הערן,
און אַ שטימע — צוקער־זיס!

און זי גייט נישט, נאָר זי שפּרינגט,
און זי רעדט נישט, נאָר זי זינגט,
פֿריילעך, לוסטיק טאָג און נאַכט.
און לאָזט־אַרויס איר קול, מאַריע,

העלפֿט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פֿאַר לאַכן, ווען זי לאַכט!

כאַ־כאַ! — קלינגט עס ווי אַ גלאָק!
יעדעס שטיינדל, יעדער טשוואָק,
וואַנט און דאַך, דאָס הויז אין גאַנצן!
עס לייגט די אַל אַוועק דער שוסטער
און דער מאַרשאַלעק דער ווישטער
כאַפּט זײַן גרונע טאַנצן.

דער שמש איז אַ פּעסימיסט,
און — אַ, כ'לעבן! — נישט אומזיסט,
מיט אַ שלאַנג איז ער געזעסן...
און לאַכט מאַריִע, נו, לאַכט ער מיט,
און לאַכט פֿון האַרץ, געזונט און גוט,
„קול באישה"? — גאָר פֿאַרגעסן!

און אַז מאָניש גייט כּסדר
יעדן מאָרגן פֿרי אין חדר,
בלײַבט ער שטיין בײַם טויער...
דעמאָלט זינגט אַ פּראַכט מאַריִע,
און איר טרעלן־מעלאָדיִע
דרינגט אים טיף אין אויער!

עס דרינגט־אַרײַן אין האַרץ אים טיף!
און אויפֿן אייגענעם מאָטיוו,
מיט דער זעלביקער מעלאָדיִע,
זינגט דערנאָך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סבֿרא[25],
דרייט נאָך מיטן פֿינגער צו!

[25] גיט־אַרײַן טעם אין יעדער היפּאָטעזע.



נאָר אַ שוויס ליגט אויפֿן שטערן,
און די אויגן — פֿײַכט פֿון טרערן,
און דאָס פּנים בלאַס ווי קרײַד.
דער רבי זײַנער זיצט פֿאַרצוקט,
ס'שטייט די רביצין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטײַט!"

דער פֿאָטער — פֿאַרנומען,
אין אַלעם פֿאַרגעסן;
אין דער היים — זעלטן
אַ שבת געגעסן.

עס זעט דאָך די מוטער,
ווי מאָניש פֿאַרשווינדט;
זי שרעקט זיך און פֿרעגט אים:
וואָס איז דיר, מײַן קינד?

וואָס לאָזט זיך דײַן קול
אַזוי וויינענדיק הערן?
וואָס האָסט דו אין ד'אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

וואָס ביסטו אַזוי בלאַס,
מײַן איינציקס קינד?
ווער האָט דיך פֿאַרלאָשן,
זאָג, וואָס פֿאַר אַ ווינט,

די אייגעלעך דײַנע,
די שיינע הבֿדלות?
ווו האָסט דו גענומען
ניגונים — יללות?

אָן אַן עין־הרע,
געזונט זײַ און שטאַרק,
דו פֿלעגסט דאָך צו זינגען,
פּונקט אַ קאַנאַר'ק,

אַ שטייגער, אַ וואָלער,
צי אַנדערע זאַכן,
עס פֿלעגט דאָך פֿאַר תּענוג
דאָס האַרץ אין מיר לאַכן,

אַז דו פֿלעגסט זינגען
די זמירות בײַם עסן —
הײַנט האָסט דו גאָר יענע
ניגונים פֿאַרגעסן!

הײַנט זינגסט דו גאָר אַנדערש,
הײַנט זינגסט דו נישט גוט,
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט;

עס שנײַדט ווי מיט מעסער
אין האַרץ דײַן געזאַנג!
וואָס איז פֿאַר אַ שטײַגער,
וואָס איז פֿאַר אַ גאַנג?

פֿלעגסט אַ מאָל העלפֿן
דעם חזן אין שיל...
גאָר אַנדערע קולות,
אַן אַנדער געפֿיל;

אַצינד עמעץ אַנדערש
זינגט פֿון דיר אַרויס!
וואָס איז דיר, מײַן לעבן?
דער מאַמען זאָג אויס!

— צי ווייס איך דען, מאַמע,
וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין האַרץ איז
גאָר אַנדערש ווי פֿריִער.

איך ווייס נישט, וואָס ס'איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין האַרץ;
און פּלוצלינג פֿאַר ד'אויגן
ווערט פֿינצטער און שוואַרץ...

עס הייבט־אָן צו ברענען,
ווי פֿײַער אין מוח;
עס רײַסן זיך קולות
פֿון האַלדז אויס מיט כּוח...

און אָטעם פֿאַרפֿעלט מיר,
ס'איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פֿאַרהאַלטן,
די טענער — אומזיסט!

זיי פֿליִען, ווי פֿייגל,
אַרויס פֿון אַ נעסט...
און — אַזוי זינגט זיך...
אָט, ווי דו זעסט!...

— ד —

אַנדערש וואָלט מײַן ליד געקלונגען,
כ'זאָל פֿאַר גויִם גויִיש זינגען,
נישט פֿאַר ייִדן, ניט „זשאַרגאָן“ —
קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן!
ס'האָט פֿאַר ליבע, פֿאַר געפֿיל
נישט קיין פּאַסיק וואָרט, קיין סטיל...

אונדזער ייִדיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן,



ווערטער ווי פֿאַרסמטע שפּיזן!
אין אים לאַכן, וויינען ריזן!
ר'איז ווי גאַל, ווי פּיאָלון[26] ביטער,
און ער דרעשט דאָס לײַב מיט ריטער!

ר'איז אין גאַנצן בלוט און טרערן!
קאָנסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים — פֿון צרות זידט,
ווי עס ברעכט דאָס האַרץ דעם ייִד...
נאָר, כאָטש פּלאַץ דאָ אויפֿן אָרט,
ס'האָט קיין לעבלעך, וואַרעם וואָרט!...

קיין איינציק וואָרט איז צאַרט און גלאַט,
עס איז פֿאַר ליבע טויט און מאַט —
„הערצל“, „זעלע“, „שאַץ“ און „שעצל“ —
ס'האָט אַ טעם, ווי לאַקריץ[27]־פּלעצל;
עס האָט קיין טעם, עס האָט קיין זאַלץ,
און עס שמעקט נאָך חזיר־שמאַלץ!

*

איך האָב צו אײַך קיין טענה־מענה,
וואָס די ליבע איז אײַך פֿרעמד;
ווענוס שפּרינגט־אַרויס פֿון פּיאַנע,
ב'מיטן ים און אָן אַ העמד!

און אַמאָר מיט בלינדע אויגן,
באָרוועס, נאַקעט לויפֿט ער, פֿליט;
שפּילט זיך מיט אַ פֿײַלנבויגן —
קען דאָס פּאַסן פֿאַר אַ ייִד?

[26] ווערמוט (ביטערקייט). — [27] צו זיס, אַז עס שלאָגט צום האַרצן.

ווײַבער האָב׳מיר סאַמע צנועות!
ס׳וועט קיין ליבע נישט פֿאַרלאַנגען,
אונדזער טאָכטער מאַכט קיין שהיות:
נדן, תּנאים, חופּה־שטאַנגען...

און מען לעבט דאָך בײַ אונדז, ייִדן,
גאַנץ בשלום, גאַנץ צופֿרידן;
ווי פֿאַסאַליעס שיט מען קינדער;
טרעפֿט זיך זעלטן, פֿאַר אַין ברירה,
טוט אַ ייִד אויך אַן עבֿירה;
דם־ובשר, ס׳איז קיין ווונדער!

נאָר ער וועט נישט פּלעטשען[28], פּראַלן:
„זאָגע, מאַנד און זילבער־שטראַלן"
נישט פֿאַר וואַסער, ניש׳ פֿאַר פֿײַער!
ר׳לויפֿט אין מקווה אַרײַן געשווינד,
וואַשט פֿון לײַב אַראָפּ די זינד,
וואַרפֿט דערנאָך אַ האַרטן דרײַער
דעם בעל־נס אַרײַן אין פּושקע...
וויל ער, פֿאַסט ער נאָך אַ תּענית
און ער שווערט זיך אויף נאמנות:
ס׳איז אין גאַנצן ווערט אַ שישקע[29]!

*

אינעם שטעטל איז געווען
פֿון קדמונים אַ מפּולת:
דאָרטן פֿלעגן לצים וווינען,
מוזיצירן, מאַכן קולות.

[28] (סלאַוויש) סתם ריידן, פּלוידערן. — [29] צאַפּנדלעך פֿון בלעטלעך האָלץ (אין פּראָזעלאָגיע: אַ גאָרנישט).



קרייען, מיאַוטשען, קוויטשען, בילן
אָדער סווישטשען ווי דער ווינט.
אויפֿן דאַך גייט אויף דער וואַך
אַרום אַן אַלטער שוואַרצער הונט...

ס׳פֿלעגט אַרויסצוואַרפֿן שטיינער,
גאַנצע פֿודן אויף דער וואָג,
און עס פֿלעגן זיך באַווײַזן
די נישט־גוטע טאָג אויף טאָג!

ווײַבער, מענער, ייִדן, קריסטן
ווײכן לאַנג די גאַנצע גאַס;
און מיט הויכע גראָז באַוואַקסן
שטייען הײַזלעך פּוסטע־פּאַס[30]!

דאָרט בײַ נאַכט באַווײַזט זיך מאַניש,
צו דער חורבֿה גייט ער צו,
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ ווי בײַ אַ גזלן:
דאָרטן וואַרט אויף אים מאַרײַע!

אים באַגלייטן צוויי מלאָכים:
אין דער לינקער זײַט אַ שלעכטער
און מיט טרערן אין די אויגן
גייט דער גוטער אין דער רעכטער!

און דער גוטער מלאָך רוימט אים
אין דעם רעכטן אויער אַרײַן:
— „האָב רחמנות! דײַן נשמה
זאָל פֿאַר גאָט ניש׳ זינדיק זײַן!

[30] ליידיק, האָבן נישט וואָס צו טאָן.

ווייס, די וועלט האָט ער באַשאַפֿן,
וואָס אין הימל, וואָס אויף דר׳ערד!
זון, לבֿנה, אַלע שטערן,
אַלע אָקסן, אַלע פֿערד,

ער פֿאַרזאָרגט אויך לייבן, בערן,
גיט פּרנסה שאָף און רינדער...
האָט דעם מענטש זיך אויסגעקליבן,
ער זאָל לויבן זײַנע װוּנדער.

און דעם תּמצית פֿון די אומות
האָט ער ייִדן אויסגעצויגן,
און זעקס־הונדערט־דרײַצן מצוות
אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווויגן!

טו נאָר תּשובֿה און ער וועט דיך
מיט ש״י עולמות [31] פֿאַרגעלטן!
אוי, באַרעכן! איז מאַר׳ע דען
ווערט דרײַ הונדערט מיט צען וועלטן?״

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקן אויער אַרײַן:
— „האָסט נאָך צײַט אויף עולם הבא!
און ער וועט דיר מוחל זײַן...

צי האָט ראובן נישט געזינדיקט?
אָדער דוד און בת־שבֿע?
אַלע זײַנען אין גן־עדן...
ווײַל ער האָט אַ גוטע טבֿע!

---

[31] מיט אַלע 310 וועלטן באַצאָלט, ווי צדיקים („עתיד הקדוש ברוך הוא לתן לכל צדיק וצדיק ש״י עולמות״, סנהדרין ק׳).



און אַ ליאַדע קרום, אַ טרער,
אין אַ ווינטערטאָג אַ תּענית,
און אַ וואָרט, „איך װעל נישט מער!״,
און ער גלייבט דיר אויף נאמנות...״

אַזוי טענהן די מלאָכים.
און דער ישובֿ דויערט נישט לאַנג
אָט זי ווײַזט זיך שוין אין פֿענצטער
און עס הערט זיך איר געזאַנג!

פֿלאַמען ברענען איר אין ד׳אויגן
אַלע תּאוות — אין איר ליד!
און ער פֿליט שוין פֿײַל פֿון בויגן,
און דאָס בלוט עס קאָכט און זידט!

*

טויזנט גרילן, טויזנט שפּינען,
פֿלעדערמײַז און אייַלען הערן
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האַלדזן, שווערן...

און ער שווערט איר הייסע ליבע
בײַ זײַן לעבן, בײַם געזונט;
דאָך זי שמייכלט; — אַזאַ שבֿועה,
טראָגט־אַוועק דער לײַכטסטער ווינט!

און ער שווערט איר בײַ די ציצית,
בײַ די טאַות, בײַ די תּפֿילין,
און בײַ שופֿר של משיח...
— „זאָג, וואָס נאָך? זום גאָטעס ווילן!״

*

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אַלץ פֿאַרברענטער און פֿאַרשײַטער,
און זי שמייכלט, און זי בעט זיך:
— שווער נאָך ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער!...

און ער שווערט איר בײַ זײַן טאַטן,
בײַ דער גוטער פֿרומער מאַמען,
בײַ דער באָבען, בײַ דעם זיידן,
און בײַ אַלע נאָך צוזאַמען...

*

אויף איר ליפּל שפּילט אַ שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן,
און זי בעט זיך: — ווײַטער, ווײַטער!
זי וויל זיכער זײַן אין גאַנצן!

ווײַל אַ בחור קאָן פֿאַרפֿירן,
קאָן פֿאַרגעסן, האָט זי מורא...
און ער שווערט איר בײַם פּרוכת,
בײַ דעם כּתר, בײַ דער תּורה!

און זי בעט זיך: — העכער! העכער!
זי וויל זיכער זײַן אין גאַנצן!
און זי כּישופֿט מיט איר אָטעם
און די אויגן בלישטשען, גלאַנצן...

און ער גרײַפֿט אַלץ העכער, העכער,
האָט גאָטס נאָמען אויסגערופֿן!...

— — — — — — — — — —

פֿונעם הימל קנאַלט אַ דונער,
פֿון גיהנום פֿונעם טיפֿן

אַ געלעכטער, אַ גערודער.
און פֿון שוועבל יאָגט אַ ריח



און ער פֿליט שוין „פּאַד קאַנוואַיעם" [32]
אויף אַ בעזעם אין דער הויך.

אויפֿן באַרג אַררט דאָרטן
איז אַ לעבן, אַ געפּילדער,
ס'איז אַ באַל דאָרט אין דער תּיבֿה,
און אַ שרעקלעכער, אַ ווילדער!

און קאַפּעליעס (יענע וועלטיקע
ציגײַנערס) מוזיצירן,
און שאַמפּאַניער — ווי וואַסער,
און די רוחות קאַנקאַנירן [33]...

לאָמפּן — טויזנט פּעסער סמאָלע,
די רעעים זײַנען קנויטן;
ס'גייט־אַרום אַן עקסטרע שדל
מיט אַ שערל צו די צויטן!

tufts of hair

*

און די קעניגין איז לילית,
אין די אויגן האָט זי בליצן,
און סמאל טראָגט איר לאַנגע
שלעפּע [34] מיט בראַבאַנדער שפּיצן.

— — — — — — — — — —

אין דער טיר דאָרט שטייט געשלאָסן
אונדזער מאָניש אויף אַ קייט...
און מען לייגט שוין אָן אַ פֿײַער
און די שפּיז איז צוגעגרייט!

1892 ~~1888~~

[32] אונטער באַוואָפֿנטער וואַך, געפֿירט ווי אַן אַרעסטאַנט. — [33] טאַנצן אויסגעלאַסענע טענץ. — [34] עק ביי אַ לאַנגן דאַמענקלייד (מיט שפּיצן פֿון בראַבאַנט, אַ געגנט אין בעלגיע, וואָס איז אַמאָל געווען באַרימט מיט אירע אויסאַרבעטונגען).